RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213

Hyacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פּארקוויי
ברוקלין, נ. י.

FREE RENDITION

By the Grace of G-d
Rosh Chodesh Iyar, 5734
Brooklyn, N. Y.

To All Participants in the
Annual Dinner for Oholei Torah

G-d bless you all!

Greeting and Blessing:

It is an old Jewish custom to relate current happenings to concurrent events as they appear in our Jewish calendar, with a view to illuminating the happenings with the light and teachings of the Torah, for the "Torah (meaning 'instruction') is light." This year's Dinner is taking place on the eve of the 14th of Iyar - Pesach Sheni.

One of the teachings of Pesach Sheni is that it is always possible to rectify a past failing (Hayom Yom).

This basic teaching applies, of course, both on the individual level as well as on the communal level. In the latter case, when an individual's effort has fallen short of meeting his full responsibility to the community, the need to rectify it is, obviously, so much greater and more urgent.

There is no need to probe very far to see that one of the most deplorable and critical shortcomings in Jewish life in recent years has been in the area of Torah education of our children and youths. The tragic consequences of this neglect are all too well known.

Anyone who is concerned about the future of our Jewish youth, with which the future of our people is so closely intertwined, must be spurred to do everything within his or her power, with the utmost determination and energy, to rectify the situation.

The task is twofold:

There is the crying need to help those young people who had been neglected and allowed to stray and become alienated from the way of the Torah. It is everyone's responsibility to help them find their way back to their Jewish source and their identity with the Torah and the Jewish people.

At the same time, and in the light of the truism that "An ounce of precaution is worth a pound of cure," it is even more vitally necessary to create a situation where Jewish children would be precluded from getting lost and alienated in the first place, by providing them with a Torah-true education, making certain that no Jewish child would be turned away for lack of educational facilities.

This brings us to the very important role of the Oholei Torah Institute. Here, indeed, the children are brought up and educated in the finest tradition of Torah-true Yiddishkeit, permeated with the love of G-d, love of the Torah, and love of all Israel.

The Dinner offers an opportunity to every one of the participants, including those who were "far away," to rectify, if need be, their support for this vital institution, and, in any case, to increase it - since all matters of holiness should always be on the increase. It is not enough by far merely to help Oholei Torah to maintain its facilities; these must be expanded to meet the urgent need of today.

And inasmuch as Pesach - so also Pesach Sheni - is the Festival of Our Freedom, may G-d grant that all friends and supporters of Oholei Torah should do their utmost in its behalf, free from hindrances of any kind. This is also the way to receive G-d's blessings in all needs, to make good any deficiency in the past, and to bestow generous blessings in the future, materially and spiritually.

With esteem and blessing
for Hatzlocho

/Signed: Menachem Schneerson/

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
Hyacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, ראש חודש אייר, ה׳תשל"ד
ברוקלין, נ.י.

צו אלע אנטיילנעמער אין דעם
יערלעכן דינער פאר דעם מוסד
חינוך "אהלי תורה"

ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה:

עס איז א מינהג, כידוע, צו פארבינדן געשעענישן אין טעגלעכן לעבן
מיט ענינים פון תורה וועלכע מ׳לערנט אין דער באטרעפנדער צייט פון
אונזער אידישן לוח, כדי צו באלייכטן די געשעענישן מיט דער ליכטי-
קייט און הוראות פון "תורה (= הוראה) - אור".

דער דינער קומט היאר פאר אור לי"ד אייר, פסח שני.

איינע פון די הוראות פון פסח-שני איז, אז מ׳קען אלעמאל פאריכטן
וואס מ׳האט פארפעלט (זע היום-יום).

די דאזיגע יסודות׳דיגע הוראה איז, פארשטייט זיך, גילטיג סיי אין
פערזענלעכן לעבן פון דעם יחיד און סיי אין דעם ברייטערן פארנעם פון
דעם כלל, וואס אין דעם לעצטן פאל - ווען איינער האט פארפעלט צו דער-
פילן זיין פליכט צום כלל אין דער פולסטער מאס - איז די נויטווענדי-
קייט צו פאריכטן דאס נאך וויכטיגער און דרינגענדער.

מען דארף ווייט נישט זוכן צו זען, אז איינע פון די סאמע באדויערנד-
סטע און קריטישע פארנאכלעסונגען אין די לעצטע יארן איז אין געביט
פון תורה-חינוך פון אידישע קינדער און יוגנט. די טרויעריגע פאלגען
פון דער דאזיגער פארנאכלעסונג זיינען גוט באקאנט.

דאס דארף ארויסרופן בא יעדן איינעם וואס איז באזארגט וועגן דער
צוקונפט פון דער אידישער יוגנט, וואס מיט דעם איז פארבונדן די צו-
קונפט פון אידישן פאלק, א ספעציעלע אנטשלאסנקייט צו טאן מיט דער
גרעסטער ענערגיע און התלהבות צו פאריכטן דעם מצב.

די אויפגאבע אין דעם איז א צווייאיגע:

געבן דרינגנדע הילף צו די פארנאכלעסיגטע, פארבאלנדזשעטע און אפ-
געפרעמדטע יוגנט און העלפן זיי אומצוקערן זיך צו זייער אידישן מקור,
סיי צו תורה און צום אידישן פאלק.

גלייכצייטיג, און לויט דעם באקאנטן ווארט, אז "א ביסעלע באווא-
רעניש איז ווערט מער ווי פיל רפואות", איז נאך וויכטיגער צו בא-
ווארענען, אז אידישע קינדער זאלן לכתחילה נישט פארבלאנדזשן און נישט
אפגעפרעמדט ווערן - דורך געבן זיי א מעגלעכקייט צו באקומען א תורה-
טרייען חינוך אין מוסדות חינוך וואס זאלן זיך נישט דארפן ראנגלען מיט
פינאנציעלע פראבלעמען.

דאס ברענגט אונז צו דעם העכסט וויכטיגען מוסד חינוך "אהלי תורה",
וואו די קינדער באקומען א תורה חינוך על טהרת הקודש, דורכגעדרונגען
מיט אהבת השם, אהבת התורה און אהבת ישראל.

דער דינער גיט די געלעגנהייט יעדן איינעם פון די אנטיילנעמער,
אויך די וועלכע זיינען ביז איצט געווען "בדרך רחוקה", צו פאריכטן,
אויב עס איז דא וואס צו פאריכטן, דאט וואס מ׳האט פארפעלט בנוגע
צו "אהלי תורה", און יעדנפאלס צו פארגרעסערן די שטיצע אין איינ-
קלאנג מיט דעם אנזאג "מעלין בקודש". עס איז ווייט נישט גענוג בלויז
צו העלפן דעם מוסד חינוך אנצוגיין מיט זיין ארבעט; מ׳מוז שאפן
די מעגלעכקייט אז דער מוסד זאל פארשטארקט און אויסגעברייטערט ווערן
לויט די דרינגענדע פאדערונגען פון דעם איצטיגען מצב.

און אזוי ווי פסח - און פסח-שני בכלל - איז "זמן חירותנו", זאל
דער אויבערשטער העלפן, אז אלע פריינד און שטיצער פון דעם מוסד חינוך
אהלי תורה זאלן טאן/אלץ וואס עס איז פון זיי אפהענגיג אין אן אופן     /אין דעם
פון חירות (באפרייאונג) פון אלע שטערונגען. און דער אויבערשטער
וועט באגליקן יעדן איינעם און איינע אין אלץ וואס מ׳נויטיגט זיך,
ממלא זיין וואס עס פעלט און באזארגן אויך להבא, מידו המלאה הפתוחה
הקדושה והרחבה, בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בכבוד ובברכה להצלחה